# באקומט אייער נייע קאוויד-19 בוּסטער און פלוּ שאַט נאך היינט!

פלוּ שאַטס – דא צו באקומען פאר מענטשן פון זעקס חודשים און עלטער – און די נייע קאוויד-19 וואקסין בוּסטער – דא צו באקומען פאר מענטשן פון פינף יאר און עלטער – זענען רעקאמענדירט שוין יעצט. איר זאלט באקומען די נייע קאוויד-19 בוּסטער, וואס איז געמאכט צו באשיצן פון די נייע אומיקראן סאב-וואריאנטן, אויב איר האט באקומען אייער לעצטע קאוויד-19 וואקסין דאזע צום ווייניגסטנס צוויי חודשים צוריק.

**צו קען איך באקומען די נייע קאוויד-19 בוּסטער צוזאמען מיט מיין פלוּ שאַט?**

יא. איר קענט זיי באקומען אין די זעלבע צייט אדער באזונדער.

**צו קען איך באקומען די נייע קאוויד-19 בוּסטער אויב איך האב לעצטנס געהאט קאוויד-19?**

יא, אבער איר זאלט נעמען אין באטראכט צוווארטן דריי חודשים נאך איר האט געהאט קאוויד-19. איר וועט מעגליך ווילן אין באטראכט נעמען צו באקומען אייער בוּסטער פאר דעם אויב איר אדער א באליבטע אייערס האט גרעסערע אויסזיכטן צו ווערן אויסגעשטעלט אדער צו באקומען שווערע קראנקייט פון קאוויד-19. רעדט מיט אייער דאקטאר אויב איר האט סיי וועלכע פראגן, אדער רופט **311** אויב איר האט נישט קיין דאקטאר.



**וועלכע קאוויד-19 בוּסטער זאל איך באקומען?**

איר קענט באקומען די נייע Pfizer בוּסטער (אויב איר זענט פינף יאר אדער עלטער) אדער די נייע Moderna בוּסטער (אויב איר זענט זעקס יאר אדער עלטער), אפגעזעהן פון וועלכע פירמע אייערע פאריגע דאזעס זענען געווען.

צו טרעפן א וואקסינאציע פלאץ, באזוכט **nyc.gov/vaccinefinder** אדער רופט 877-829-4692. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט **nyc.gov/health/covidvaccine** אדער **nyc.gov/health/flu**.

NYC Health

10.22 Yiddish